בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמִינִי

תשפ"ד

341

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
050-845-6150

## בני ברק

רח' ירושלים 2
052-760-5715

## טבריה

רח' משה שפירא 2
050-411-6421

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
050-419-9751

## ברכפלד

רח' רשבי 19
052-715-6479

## יבנאל

רח' המייסדים
052-716-3184

## צפת

רח' צהל 1
050-412-6101

## קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
718.384.1652

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
718.384.1652

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
845.467.5299

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
845.243.0563

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
845.238.0804

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
347.733.7551

## לונדון

23A St Andrew's Grove
447388582855

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
212.444.9191
חיזוק פאר אידישע שטוב
212.444.9169

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
718.387.2691

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


הָאב אִיךְ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג צוּ זַיין גוּט?........................................א
וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין אֵיידֶעם אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר? ..........................ג
וֶועלְן מִיר הָאבְּן גֶענוּג כֹּחַ אוּן גֶעלְט פַאר נָאךְ קִינְדֶער? ..........................ד
עֶס אִיז דָא לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, פַארְוָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ?..........ו
זָאל אִיךְ לֵייגְן סְטֶעטוּס, צוּ צִיעֶן מֶער קוּנְדְן?..................................ח
פַארְוָואס אִיז מַיין חַבֵר מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר?..................................י


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָבֶער נָאר אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט ..................................א
מַאךְ מִיט דִי הֶענְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.........................ב
דִי עֶרְלִיכְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַצָה בֶּעקֶערַיי ..........................ד
טוּ תְּשׁוּבָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה......................................ו
הֶערְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס ......................................ז
צוּקְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער וֶועגְן גֶעלְט ..........................ח
אֵיין גִלְיוֹן אוּן קַארְטְל רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן.........................ט
נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן ..........................י
דִי פְרִישְׁטָאג אִין חֵדֶר זָאל זַיין קוּרְצֶער ..........................................י
אַ גוּט וָוארְט אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן מוּסָר אוּן פוּן קְנָסוֹת ...........................יא
דִי נִסִים הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען, וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן..........................יב
אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער ................................................יג

ניִשְׁט אַרֶועקְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ..............................................יד

ניִשְׁט מְשַׁנֶה זַיין פוּן דִי מִנְהָגִים, לֵייג נָאר צוּ חַיוּת אוּן שִׂמְחָה ..................טו

מִנְהָגִים בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת..............................................................טו

לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט .........................טז

אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וֶוערְן פַארְשְׁווִינְדְן מִיט אַבִּיסְל אֱמוּנָה...............יז

דֶער נֵייעֶר גִלְיוֹן אִין עֶנְגְלִיש אִיז אוֹיסְנַאם שֵׁיין .......................................יז

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל..................................................יח

וִוי מֶער מֶען זָאגְט "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען רוּאִיג ........................יח

גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אָדֶער אַ טִיכְל מִיט אֵייגֶענֶע הָאר? ............יט

וִוי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק?................................................................. כ

אִינְמִיטְן טָאג זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן ...............................כב

פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.....................................................כג

בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת פַאר מַיין זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר ............................כד

הֶער אוֹיף וֵויי צוּ טוּן מֶענְטְשְׁן ....................................................................כה

אַז מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם כֹּהֵן, פוּן צַדִיק, וֶוערְט מֶען רֵיין.......................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג צוּ זַיין גוּט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, נִישְׁט קַיין שַׁחֲרִית, נִישְׁט קַיין מִנְחָה, נִישְׁט קַיין מַעֲרִיב, נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין, גָארְנִישְׁט; נָאר אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה, אוּן אִיךְ רֶעד אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס טָאר נִישְׁט זַיין אַזוֹי, אָבֶער ווִי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גֶעשֶׁעפְט. אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט פוּן מַיין אֵייגֶענֶע אוֹיפְפִירוּנְג; הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג צוּ זַיין גוּט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין דִי תְּשׁוּבוֹת (שו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק ב׳, מִכְתָּב רמב), אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אַזַא שְׁאֵלָה: ״אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין תְּפִילִין״, מוֹהֲרַ״ש עֶנְטְפֶערְט אִים: ״דָאס קוּמְט פוּן דַיין דֶערְבִּיטֶערְט״, אוּן מוֹהֲרַ״ש שְׁרַייבְּט אִים: ״ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן דָאס דַיין דֶערְבִּיטֶערְט, עֶס וֶועט דִיר נָאר מֶער אוּן מֶער אַרָאפְּוַוארְפְן, בִּיז שְׁאוֹל תַּחְתִּית״.

מוֹהֲרָא״שׁ מִיט זַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת גֶעבְּט אִים אַן עֵצָה עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״וְלָכֵן לְדַעְתִּי תַּתְחִיל לְעַיֵּן בְּסִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ״ל וְשָׁם תִּרְאֶה אֶת גּוֹדֶל רַחְמָנוּתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל כָּל בְּרִיּוֹתָיו, וּבִפְרַט אֵלּוּ שֶׁחוֹזְרִים אֵלָיו וּמַתְחִילִים לְדַבֵּר עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ, עֲלֵיהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹנֶה תֵּיכֶף וּמִיַּד״, אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זֶען דִי רַחְמָנוּת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי עֶר הָאט אוֹיף יֶעדְן רַחְמָנוּת, וּבִפְרַט אוֹיף דִי וָואס קֶערְן זִיךְ צוּרִיק, דִי וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה; אוֹיף זֵיי הָאט עֶר זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוּן עֶר נֶעמְט אָן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה.

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מִיט סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס אִיז אַ תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דִי בְּרִיוו וֶועלְן דִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן מוּטִיגְן צוּ תְּשׁוּבָה, צוּ גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין, אוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת. דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אַ גֵייסְט אִין דִיר, עֶס וֶועט וֶוערְן מַמָּשׁ תְּחִיַּית הַמֵּתִים, וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, ״וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ״, וְאָמַר בָּזוּ הַלָּשׁוֹן: ״סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען״, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַ כֹּחַ צוּ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, דִי בְּרִיוו זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס שִׂיחוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): ״וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה׳ בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו

הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַּארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאֵרן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין אֵיידֶעם אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער עַד מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין טָאכְטֶער מִיט אַ חָשׁוּבְ'עֶ מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר אִיז אַ ... חָסִיד, וִוי אַזוֹי דַארְף אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק עֶר זָאל זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ, דַארְפְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן - אַז דוּ הָאסְט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דַיין טָאכְטֶער הָאט אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס אִיז אַ חִילוּק וֶועלְכֶע חָסִיד מֶען אִיז? כָּל זְמַן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִידְן, זֵיי גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶס בְּלַייבְּט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת וֶוערְן נֶעבֶּעךְ צֶעריסְן פוּן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף וֶוען מֶען זֶעט אַ זוּן אָדֶער אֵיידֶעם גֵייט צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז, מֶען מַאכְט מַחֲלֹקֶת, מֶען הַאקְט אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען הֶעצְט אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלַן. ווִיפִיל עֶלְטֶערְן נֶעבֶּעךְ וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבְּן לֵיידֶער אָפְּגֶעלָאזְט שְׁמִירַת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, דָאס אִיז אַ צָרָה הַשֵּׁם יְרַחֵם, דָאס אִיז אוֹיף וָואס מֶען דַארְף וֵויינֶען, אָבֶּער וֶוען אַ קִינְד דֶערְוֶועלְט זִיךְ אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת, אָדֶער קְהִלָה, קְרֵייז - אוּן זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - דַארְף מֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דַיין אֵיידֶעם גֶעהֶערְט צוּ אַ פְּלַאץ וָואס דָארְט קְרִיגְט מֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם קַיין עֵסֶק, דוּ זָאלְסְט אִים גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אַזוֹי ווִי פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע אֵיידֶעמֶער, אוּן רֶעד צוּ אִים פוּן רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים אָן דֶערְמַאנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע פוּן זַיינֶע תּוֹרוֹת אָן דֶערְמַאנֶען זַיין נָאמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וָואס אַרְט עֶס מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט מֶער כַּוָונָה אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל ווִיסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מְקָרֵב וּמְחַבֵּב דַיין אֵיידֶעם, דִי ... חֲסִידִים הָאבְּן אִין זִיךְ זֵייעֶר גוּטֶע כֵּלִים צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן, זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת. בַּיי זֵיי אִיז אוֹיךְ דָא דִי זַאךְ פוּן זָאגְן תְּהִלִים אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, נָאר דִי אֵיין זַאךְ אִיז נֶעבֶּעךְ מַעֲשֶׂה שָׂטָן, אַז מֶען רֶעדְט קֶעגְן רֶבִּי׳ן, דִי חֲסִידִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶועלְן מִיר הָאבְּן גֶענוּג כֹּחַ אוּן גֶעלְט פַאר נָאךְ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייב אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן עֶר רֶעכְנְט אוֹיס

פִינְקְטְלִיךְ אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אַז עֶס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אוּנְז, מִיט יֶעדְן פְרִישְׁן קִינְד גֶעבְּט עֶר אוֹיךְ מִיט דִי כֹּחוֹת אוּן דִי גֶעלְט פַאר דֶעם. מַיין מַאן הַאלְט אָבֶּער אַז אִיךְ מוּז זִיךְ אָפְּרוּעֶן כָאטְשׁ אַ יָאר נָאךְ יֶעדֶעס קִינְד, עֶר זָאגְט אַז דָאס וֶועט מִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט דִי זַאכְן. אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז דָאס אִיז וִוי צוּ זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שְׁוַואכְקֵייט אִין אֱמוּנָה.

אִיךְ גֵיי מִיט מַיין מַאן, אִיךְ קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט צִי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הַלָכָה'דִיג, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ יָא פְּרוּבִּירְן אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל לָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּנְז פִירְן; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אַ אִיד הָאט - דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ רָב אָדֶער אַ דַיָין, צוּ וִויסְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז אוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קִינְדֶער, בַּיי דֶעם זָאגְן דָאךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (נִדָּה לא.): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין יֵשׁ בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאָבִיו וְאִמּוֹ", דְרֵיי שֻׁתָּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט טַאטֶע אוּן מַאמֶע, דַארְפְן דִי צְוֵויי שֻׁתָּפִים פְרֶעגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן שׁוּתָּף; מֶען פְרֶעגְט אַ רָב, אַן עֶרְלִיכֶער רָב - זָאל זָאגְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, וִוי צוּ אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי מִשְׁפָּחָה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין פַּסְקְ׳עֶנֶען קֵיין שְׁאֵלוֹת, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת וֶועגְן קִינְדֶער וְכוּ׳. עֶס בְּלָאזְן לִינְקֶע וִוינְטְן, מֶען דְרֵייט אוֹיס דֶעם אֱמֶת, מֶען זָאגְט אַז וָואס קְלֶענֶער דִי מִשְׁפָּחָה אִיז - אַלְץ בֶּעסֶער אִיז דָאס, וֶוען דֶער אֱמֶת אִיז פַארְקֶערְט - וָואס גְרֶעסֶער דִי מִשְׁפָּחָה אִיז - אַלְץ מֶער אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעבֶּענְטְשְׁט. אָדֶער דִי וָואס טַעֲנָה'עֶן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין גֶעלְט; דָאס אִיז לֵיצָנוּת, דָאס הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן זָארְגְן פַאר נָאךְ אַ קִינְד - דָאס אִיז

נַארִישׁ, אוּן עֶס אִיז פִּינְקְט פַּארְקֶערְט, יֶעדֶעס קִינְד וָואס קוּמְט - עֶפְּנְט נָאךְ מֶער דִי רֶערְן פוּן פַּרְנָסָה.

גֵייט צוּ עֶנְקֶער רָב, לֵייגְט אִים פָאר דִי צְדָדִים, אוּן עֶר וֶועט עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז דָא לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, פַארְוָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיי סֵדֶר טָהֳרוֹת דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת. בְּקָרוֹב גֵיי אִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ סְתִירָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר. פוּן אֵיין זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א כִּמְעַט בַּיי יֶעדְן שִׁיעוּר אַז דֶער עִיקָר זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶב אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען וִויל, אוּן אִין וֶועלְכֶע וֶוערְטֶער מֶען וִויל, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, אָבֶּער פוּן דִי צְווייטֶע זַייט אִיז בְּרֶסְלֶב דִי אֵיינְצִיגֶע חֲסִידוּת (אַזוֹי מֵיין אִיךְ) וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר 'לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת', מִיט אַ צוּגֶעגְרֵייטֶע נוּסַח צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף וָואס מֶען וִויל; אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סְתִירָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - דָאס אִיז דִי

הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", ווייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", ווייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן - אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ.

נָאכְדֶעם אִיז דָא לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) וֶוען מֶען הֶערְט אַ תּוֹרָה פוּן אַ צַדִּיק, אָדֶער מֶען לֶערְנְט תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִּיק - זָאל מֶען מַאכְן פוּן דִי תּוֹרָה - תְּפִילּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט פוּן תּוֹרָה תְּפִלָּה - וֶוערְט פוּן דֶעם אִין הִימְל אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מִיְּמוֹת עוֹלָם; אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט רֶבִּי נָתָן מְחַבֵּר גֶעוֶוען דִי לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת, גֶעבּוֹיט אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אוּן אוֹיף דִי תּוֹרוֹת וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט - הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב צוּגֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין תְּפִילּוֹת אוֹיף דֶעם, בִּיז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אוֹיף אַלֶע תּוֹרוֹת גֶעמַאכְט תְּפִילּוֹת.

מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן לֶעבְּן מִיט אֱמֶת, אוּן וֶוען דוּ לֶערְנְסְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז גוּט צוּ זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, וַוייל דִי תְּפִילוֹת פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אִין זַיינֶע תְּפִילוֹת לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶס קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, פוּן שַׁעַר נ׳. נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן פוּן זָאגְן זַיינֶע תְּפִילוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ לֵייגְן סְטֶעטוּס, צוּ צִיעֶן מֶער קוּנְדְן?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וּבִפְרַט פַארְן מִיר גֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן גֶעפָאלְגְט דֶעם ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר כִּמְעַט צְוֵויי יָאר צוּרִיק אוּן אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען סְטֶעטוּס פוּן מַיין טֶעלֶעפָאן; אִיךְ מוּז זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאר פַארְדִינְט מֶער מֹחַ אוּן צַייט פוּן דֶעם.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אִין אַ בִּיזְנֶעס פוּן קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר פַארְוָואס אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין סְטֶעטוּס, דִי קָאנְקוּרֶענְטְן הַאלְטְן אִין אֵיין לֵייגְן סְטֶעטוּס, מַאכְן אַסַאךְ גֶערוּדֶער, אוּן מַיינֶע חֲבֵרִים טַעֲנָה'ן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן מִיר; אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז דָאס גֵייט מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין קָאפּ פוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אִיךְ דַארְף טוּעֶן סֶעילְס, אִיךְ דַארְף צוּרֶעדְן מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר, אוּן אִיךְ פִיל שְׁלֶעכְט בַּיי מִיר פַארְוָואס לוֹיף אִיךְ אַזוֹי נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ?

אִיךְ ווייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, ווייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט אַלְץ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן, מֶען דַארְף מַאכְן פַּרְנָסָה.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג? דַארְף מֶען טוּן מַמָּשׁ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען? זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן פוּן מִיר - אוֹיב דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אִין מַיין לַיין, כְּדֵי צוּ שְׁלֶעפְּן קוּנְדְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שְׁטוּתִים, אוּן גְלֵייבְּן אַז פַּרְנָסָה אוּן דְזָשַׁאבְּס קוּמֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פוּן פָאְרָאוֹיס פַארְן מִיר וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אֲפִילוּ אִין זַאכְן וָואס קוּקְן אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ח' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן וְכוּ'; דוּ זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיין אַז זַייט דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי סָאשֶׁעל מִידִיעֶ - הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם מֹחַ, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית; אִיז וָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק גֵיין צוּ דִי סָאשֶׁעל מִידִיעֶ.

אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי כֵּלִים רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז לֹא יִמָּלֵט מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אוּן שְׁלֶעפְּט בִּיז מֶען פַאלְט אִין נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיכֶער נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

הֶער אוֹיס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס רֶעדְן אַנְדֶערְשׁ

פוּן צַדִיקִים; צַדִיקִים זָאגְן, אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דִי מַזָל, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה; וִויפִיל מֶען וֶועט נָאכְלוֹיפְן דִי גֶעלְט - וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְן קַיין שֶׁפַע, און אַז מֶען פַארְעֶרְכְט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען צֶעבְרֶעכְט דִי אוֹיגְן - קוּמְט שֶׁפַע אִין צַייט.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין 'יְשַׁבֵּרוּ', אַ לָשׁוֹן פוּן צֶעבְרֶעכְן, אַז מֶען צֶעבְרֶעכְט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶסְן און שֶׁפַע אִין צַייט.

פוּן עֲבֵירוֹת קוּמְט נִישְׁט קַיין שֶׁפַע, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט צָרוֹת, עֲבֵירוֹת מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ דַארְפְן נֶעבֶעךְ מוּטְשֶׁען; עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן: "פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּמְזִיסְט, און אַרְבֶּעטְן - אַרְבֶּעט מֶען פַאר דִי עֲבֵירוֹת".

בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע גוּטֶע גְּדָרִים, בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

## פַארְוָואס אִיז מַיין חַבֵר מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים און פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע חַבְרְ'שַׁאפְט מִיט אַ גֶעווִיסֶער בָּחוּר, און מִיר הָאבְן אָפְּגֶעהַאקְט און נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת פַאר דְרַייסִיג יָאר. אַ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזֶען און אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן אִים, אִיךְ בִּין קְרַאנְק אִים צוּ טְרֶעפְן נָאכְאַמָאל, און נָאכְאַמָאל וֶוערְן גוּט מִיט אִים; אִיךְ טְרַאכְט פוּן אִים יֶעדֶע פְּאר מִינוּט אִין טָאג.

אִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר מְקַנֵא, און שְׁפִּיר אַז עֶר "הָאט עֶס" אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן מִיר, אִיךְ

פִיל אַז עֶר הָאט מֶער גֶעלְט, כָּבוֹד, חֲבֵרִים, אוּן אַ שֶׁענֶערֶע מִשְׁפָּחָה. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין קָאפּ. אִיךְ לֶערְן אוּן דַאוֶוען, אוּן אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

אִיךְ זוּךְ לִיבְּשַׁאפְט, מַיין וַוייבּ הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן זַאכְן אוּן קְרִיטִיקִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט לִיבְּשַׁאפְט וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען חֲבֵרִים, אוּן אִיךְ בִּין אִים אַזוֹי מְקַנֵא, אוּן אִיךְ וִויל זַיין זַיין חָבֵר, עֶר אִיז קַאלְט צוּ מִיר, אָבֶּער עֶר אִיז פָּאפּוּלֶער מִיט חֲבֵרִים, גֶעלְט, מֶען הַאלְט אִים פַאר אַן עוֹשֶׁר.

בִּיטֶע מִיר שְׁרַייבְּן, אִיךְ זָאל הָאבְּן חִיזוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, י׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְט סוּקְסֶעסְפוּל? אַז מֶען הָאט גֶעלְט? וָואס מֵיינְט ׳עֶר הָאט עֶס׳ - אַז מֶען הָאט חֲבֵרִים? דִי תּוֹרָה זָאגְט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק (בְּרֵאשִׁית לט, ב), עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סוּקְסֶעסְפוּלֶער מֶענְטְשׁ, "וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ"; דִי תּוֹרָה זָאגְט עֶס נִישְׁט וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט מֶער פוּן דִי בְּרִידֶער, נִישְׁט וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זַיידֶענֶע קְלֵייד, נִישְׁט וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ אִין מִצְרַיִם, דִי תּוֹרָה זָאגְט יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען אַ סוּקְסֶעסְפוּלֶער מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן גְרוּבּ אוּן פַארְקוֹיפְט פַאר דִי שְׁמוּצִיגֶע אַרַאבֶּער, וֶוען פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, דָאס אִיז סוּקְסֶעס? אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי בַּאלִיבְּטֶער בַּיי זַיין פָּאטֶער אוּן מֶען הָאט אִים מִיט רְצִיחָה אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַ גְרוּבּ, פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, עֶר אִיז פַארְכַאפְּט בַּיי אַ מִצְרִי - דָאס אִיז סוּקְסֶעס? אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דִי תּוֹרָה עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ מַצְלִיחַ? וֶוען אַלֶע בְּרִידֶער זֶענֶען חַתוּנָה גֶעהַאט, אַלֶע הָאבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן נָאר יוֹסֵף הָאט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לו): "אַלֶע שְׁבָטִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעבּוֹירְן

גֶעוָוארְן מִיט זֵיי זֵייעֶר זִיווּג, חוּץ יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אָן אַ זִיווּג״; - דָאס אִיז אִישׁ מַצְלִיחַ?

נָאר וָואס דֶען, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שָׁם): ״וַיְהִי ה׳ אֶת יוֹסֵף״, יוֹסֵף הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה; וָוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נָאכְאַלְץ שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה - דֶער אִיז אַן אִישׁ מַצְלִיחַ, יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט גֶעקֶענְט פְרֶעגְן אָן אַ שִׁיעוּר קַשְׁיוֹת ׳פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת?׳ יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קֵיין קַשְׁיוֹת, יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ד, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, ח): ״׳אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶּךָ וְגוֹ׳, זֶה יוֹסֵף״.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, אָדֶער פָאר מִיט דַיין קַאר אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אָדֶער גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ זוּכְסְט לִיבְשַׁאפְט, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר אַלֵיין, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְן לִיבְשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא אוּן אִין מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְגְרָאדְן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָבֶער נָאר אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פַאר קִינְדֶער, עֶס אִיז דָא הַיינְט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹיפִיל צוּ לֵיינֶען פַאר קִינְדֶער, אָבֶער עֶס פֶעלְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אוֹפָן, מַעֲשִׂיּוֹת גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה; הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, עֶס זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר פּוּרִים פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

**'עֶס אִיז פּוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט, לָאמִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם עוֹלָם, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען מַיין גְרוֹיסֶע פּוּרִים הוּט אוּן אַרוּם לֵייגְן לִיכְט אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן אַלֶע וֶועלְן לַאכְן, עֶס וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ'.**

**גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן, רֶבִּי נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶענוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע הוּט, זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע פּוּרִים הוּט, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעקְלֶעבְּט לִיכְט אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם עוֹלָם.**

עֶר קוּמְט נָאנְט צוּם שׁוּל טְרֶעפְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז מִיט דִיר נַחְמָן? וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע הוּט מִיט דִי לִיכְט?" זָאגְט רֶבִּי נַחְמָן: "אִיךְ וִויל

פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז פּוּרִים", זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "מֶען גֵייט בַּאלְד זָאגְן 'עֲנֵנוּ, כִּי בְּצָרָה גְדוֹלָה אֲנַחְנוּ, הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייל מִיר זֶענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה', יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דִי זַאכְן, וַוארְט אוֹיף פּוּרִים, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אוּן מֶען מַאכְט פְרֵייליכֶע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶוענֶען, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען - דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דִי פְרֵייליכֶע זַאכְן, בַּיים דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ בְּרֵייטֶע הוּט, אַרוֹיפְגֶעקְלֶעבְּט לִיכְט, אוּן פוּן דֶער זַייט זָאל מֶען זֶען גֶעמָאלְן רֶבִּי נָתָן מִיטְן קַאסְקֶעט, ווִי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ מִיט דִי הֶענְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד
לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דִי וָואךְ זֶעעֶן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי חֲלָקִים פוּן דִי מִשְׁכָּן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט אִין זַיינֶע כּוֹחוֹת, אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא גְרוֹיסֶע מִשְׁכָּן, אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע בְּרֶעטֶער, שְׁוֶועלְן וְכוּ'; הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (רַשִׁ"י שְׁמוֹת לט, לג): "אֵיךְ אֶפְשָׁר הֲקָמָתוֹ עַל יְדֵי אָדָם", ווִי אִיז מֶעגְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אוֹיפְשְׁטֶעלְן? "אָמַר לוֹ, עֲסֹק אַתָּה בְּיָדְךָ וְנִרְאֶה כִּמְקִימוֹ, וְהוּא נִזְקָף וְקָם מֵאֵלָיו", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דוּ מַאךְ מִיט דַיינֶע הֶענְט כְּאִילוּ דוּ שְׁטֶעלְט עֶס אוֹיף, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן בְּדֶרֶךְ נֵס".

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדְן מַצָּב, מֶען דַארְף נָאר אָנְהוֹיבְּן טוּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט. דָאס אִיז סַיי בַּיי פַּרְנָסָה; וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ חֶשְׁבּוֹנוֹת וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט אוּן וִויפִיל דָאס לֶעבְּן קָאסְט, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ דֶעקְן, אַ בְּחִינָה פוּן: "אֵיךְ אֶפְשָׁר הֲקָמָתוֹ עַל יְדֵי אָדָם". וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה? זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, דוּ טוּ רָצוֹן הַשֵּׁם, גֵיי בְּרֶענְג פַּרְנָסָה, טוּ עֶפֶּעס אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב".

נֶעכְטְן הָאט זִיךְ מִיר אַ אִינְגֶעְרְמַאן זֵייעֶר אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶס קָאסְט אִים אַ חוֹדֶשׁ דָאס לֶעבְּן כַּךְ וְכַךְ, אוּן לוֹיט זַיין גֶעהַאלְט פֶעלְט אִים כַּךְ וְכַךְ חוֹדֶשׁ'לִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין, דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער, דָאס אִיז יֶעדֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען מַאכְט זִיךְ חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט; דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן, אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב - אִיז אַ בְּחִינָה פוּן דִי מִשְׁכָּן; בַּיים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא בַּתְרָא צט.): "מְקוֹם אָרוֹן אֵינוֹ מִן הַמִּדָּה", וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אָרוֹן אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים הָאט מֶען גֶעזֶען אַז דִי חֶשְׁבּוֹן שְׁטִימְט נִישְׁט, מֶען הָאט גֶעמָאסְטְן מִיט מֶעסְטֶערְס, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צֶעטְלֶעךְ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטִימְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים מִיטְן שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי, לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בְּדֶרֶךְ נֵס אַז דֶער אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים; אֵיי עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ - אָבֶּער אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען. דִי נֵס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיין טָאג, אֵיין שָׁעָה, אַ נֵס וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, וָואס דִי וַואסֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט, דִי נֵס אִיז גֶעוֶוען הוּנְדֶערְטֶער יָאר; יָאר נָאךְ יָאר, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, טָאג נָאךְ טָאג; דֶער אָרוֹן לִיגְט אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים, אוּן לוֹיט דִי צֶעטְלֶעךְ שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט, לוֹיט דִי מָאס קֶען דָאס נִישְׁט זַיין, מֶען קוּקְט אוֹיפְן צֶעטְל אוּן עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶעט מֶען אַז דֶער אָרוֹן לִיגְט דָארְט.

אַזוֹי דַארְף מֶען לֶעבְּן, מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט צֶעטְלֶעךְ, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעכֶענֶען נָאכְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וִויפִיל דָאס לֶעבְּן קָאסְט אוּן

וְויפִּיל מֶען פַּארְדִינְט, מֶען דַארְף מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן; עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ אִים אוּן מֶען בֶּעט אִים - גֶעבְּט עֶר, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, דִי חוֹבוֹת דְרוּקְן מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיין שׁוּלְדִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, הֲרֵעוֹתִי מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֶת פַּרְנָסָתִי, אִיךְ טוּ יֶעצְט תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן גֶעבּ מִיר שֶׁפַע".

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נֶעמְט אָן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ מִיט גְרוֹיס אַיילֶענִישׁ, עֶס וֶוערְט שׁוֹין שַׁבָּת בַּיי עֶנְק, אִיךְ מוּז שׁוֹין שִׁיקְן דֶעם בְּרִיוו; אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דִי זַאךְ פוּן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט אוּן דִי מִשְׁכָּן וֶוערְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, 'עֲסֹק אַתָּה בְּיָדְךָ וְנִרְאֶה כִּמְקִימוֹ'; דָאס אִיז מִיט אַלֶעס, דָאס אִיז מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס אִיז מִיט חִינוּךְ הַיְלָדִים, דָאס אִיז מִיט יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן; מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט, מִיר דַארְפְן נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, "וְהוּא נִזְקָף וְקָם מֵאֵלָיו", עֶס וֶוערְט גֶעטוּן.

נָאךְ אַ בְּחִינָה, 'עֲסֹק אַתָּה בְּיָדְךָ' מַאךְ מִיט דִי הֶענְט, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, עֶס אִיז שׁוֹין דֶער זְמַן בַּיי עֶנְק.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**דִי עֶרְלִיכְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַצָּה בֶּעקֶערַיי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז ז' אֲדָר, דִי הִלּוּלָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם; דַארְפְסְטוּ זִיךְ

זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה, קוּק אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אוּנְז: "לָאמִיר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן עֲמָלֵק, לָאמִיר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן מְיוּאָשׁ"; בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יז, יא) וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִין דִי הֵייעֶךְ הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט:): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה", צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן? "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק".

הַיינְט הוֹיבְּט מֶען אָן סֵפֶר וַיִּקְרָא, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה, אַ נֵייעֶ סֵפֶר, הוֹיבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ. וַיִּקְרָא הָאט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף, דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְרִיאָה שֶׁל חִבָּה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז דָא דִי יָאר מַצּוֹת גֶעבַּאקְן דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ בֶּעקֶערַיי אִיז אָפְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג בַּאזוּכְן, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי עֶרְלִיכְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט וָואס דָארְט אִיז דָא, עֶס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט אִין טַעַם, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מַצּוֹת רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן נָאר אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טוּ תְּשׁוּבָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קַארְגֶער אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמַאן אוּן גֶעבֶּעטְן צְדָקָה פוּן דֶעם קַמְצָן, הָאט דֶער קַמְצָן אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי בֵּיימֶער וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן״, דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוֹיף שְׁפֶּענְדְלֶעךְ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: ״קוּם מִיט מִיר״, אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן׳ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם צְוֵוייטְן עוֹשֶׁר - אוּן זָאגְט אִים: ״קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ׳״.

דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; עֶר קְלַאפְּט אַרַיין אוּן תֵּיכֶף וּמִיָּד הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וָטוֹב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאן אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן״, פְרֶעגְט מֶען אִים: ״וָואס הֵייסְט?״ עֶנְטְפֶערְט עֶר: ״אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג״, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: ״אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט״, מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִנָּם.

**טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי מוּטְשֶׁען, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד״ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶערְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ח' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הֶערְן דִי נִיגוּנִים וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער - וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער - וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

שְׁטַארְק זִיךְ, זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס

מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה״, פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, ״וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה״, אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֶקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

צוּקְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וֶועגְן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה, דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער קוּמֶען דִיר עֶפֶּעס? אוּן אַז זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעזָאגְט זֵיי גֵייעֶן דִיךְ אוֹיסְהַאלְטְן אוּן יֶעצְט גֶעבְּן זֵיי דִיר נִישְׁט קַיין שֶׁקֶל - זָאלְסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין מֹחַ פְּלַאצְט, אִיךְ דֶערְטְרוּנְק זִיךְ אִין חוֹבוֹת, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַדוּרְכְטְרָאגְן״.

צוּקְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי שְׁקָלִים פַאר מַחֲלֹקֶת, אוֹיךְ קֶען עֶס שָׁאדְן מַאכְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין צֶערִיסְן צְווִישְׁן דִיר אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן; פוּן אֵיין זַייט זֶעט זִי וָואס דָא גֵייט פָאר, דִי בְּלָאף, דִי שֶׁקֶר, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אִירֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט רֶעדְן מֶער פוּן דִי נוֹשֵׂא.

דו גֵיי נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נוּסַח הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בֶּעט אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיז דִי תְּפִילוֹת זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "מִיט אַ שְׁוֶוער עֶסְט מֶען קוּגְל"; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען הַלְוָאוֹת אוֹיף דַיין דִירָה פַאר מִשְׁפָּחָה, וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס דִי צָרוֹת, הָאבּ שֵׂכֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֵיין גִּלְיוֹן אוּן קַארְטְל רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשְׁ׳ס לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

עֶס קוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, אִין דִי טֶעג קֶען מֶען וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן; זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, כִּמְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי, אַשְׁרֵינוּ פַאר דִי עֵצוֹת. אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וִויפִיל עֵצוֹת דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, טַייעֶרֶע זִיסֶע עֵצוֹת בְּכָל פְּרַט פוּנֶעם לֶעבְּן - דַארְף מֶען זָאגְן אַשְׁרֵינוּ אוֹיף יֶעדֶע עֵצָה בַּאזוּנְדֶער; פַאר׳ן ׳דֶרֶךְ הַלִימוּד׳, פַאר׳ן ׳אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין מִיר׳, פַאר דִי עֵצוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַשְׁרֵינוּ אוּן פָארְט אַשְׁרֵינוּ.

לֵייג אִין שׁוּל׳ן גִּלְיוֹנוֹת, אוּן קַארְטְלֶעךְ פוּנֶעם הַאטְלַיין; מִיט אֵיין גִּלְיוֹן, מִיט אֵיין קַארְטְל - קֶען מֶען רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן. טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין מֵעִיד גֶעוֶוען אַז דִי סְפָרִים, עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - הָאט זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע.

...

### נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט אוּן אַז אַייעֶר מַאמֶע ווִיל זִיךְ גֶטְ׳ן, זִי ווִיל נִישְׁט צוּרִיק גֵיין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט, נִישְׁט נֶעמֶען אַ צַד, אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט בֵּיידֶע פוּן זֵיי, הֶערְט אוֹיס, גֶעבְּט נָאר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַ מֶעסֶענְדְזֶשֶער; אִיר זָאלְט נִישְׁט טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, אִיר זָאלְט בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין, הֶערְט זֵיי אוֹיס אוּן זַייט מִתְפַּלֵּל עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין.

אַז אַייעֶר טַאטֶע ווִיל קוּמֶען צוּ עֶנְק אוֹיף שַׁבָּתִים - זָאלְט אִיר אִים אַרַיינְנֶעמֶען אוּן אִים מַאכְן בַּאקְוֶועם; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן - גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אָפְּזִינְדֶערְן פוּן אַלֶעמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵיילְט דִי נֶפֶשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

...

### דִי פְרִישְׁטָאג אִין חֵדֶר זָאל זַיין קוּרְצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זֶע דִי פְרִישְׁטָאג אִין חֵדֶר זָאל זַיין קוּרְצֶער, דִי עֶרְשְׁטֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן פַאר דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, נִישְׁט אוֹיף לַאנְגֶע סְעוּדוֹת. מִיר פְלֶעגְן אַמָאל בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן קַיין פְרִישְׁטָאג פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען פְלֶעגְט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי פְרִישְׁטָאגְס נָאר וַוייל מִיר הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אוֹיף קִינְדֶער אַז זֵיי קוּמֶען

הוּנגֶעריג וְכוּ׳, אָבֶער נִישְׁט עֶס זָאל אַוֶועקְגֵיין צַייט, דִי שֶׁענְסְטֶע מִינוּטְן פוּן טָאג.

זַיין אַ מְלַמֵד אִיז אַ חָכְמָה וְאֵינָהּ מְלָאכָה; צוּ זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען הָאבְּן צְוֵויי כֹּחוֹת, פוּן אֵיין זַייט זַיין שְׁטְרֶענְג אוֹיף סֵדֶר, דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִשְׁמַעַת (דִיסְצִיפְּלִין), אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַ וֵוייכֶע הַארְץ מִיט אַ שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן, אוּן שֵׂכֶל וִוי אוּמְצוּגֵיין מִיט יֶעדְן קִינְד; מִיט אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִלָה.

נֶעם צַאם אַלֶע בְּרִיוו פוּן אַלֶע יָארְן וָואס רֶעדְן זִיךְ פוּן מְלַמְדוּת אוּן מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם, וֶועסְטוּ אַלְץ גֶעדֶענְקֶען דִי מַטָרָה פוּן אוּנְזֶער חֶדֶר.

...

## אַ גוּט וָוארְט אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן מוּסָר אוּן פוּן קְנָסוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיִקְרָא, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת פוּן ״בֵּית פֵּיגָא״ - אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט דוּרְךְ זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; אַ גוּט וָוארְט אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן מוּסָר אוּן פוּן קְנָסוֹת, אַ גוּט וָוארְט קֶען טוֹישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין עֶק בִּיזְן צְוֵוייטְן עֶק.

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט נוּצְן דִי וֶועג פוּן זָאגְן: ״בִּיסְט נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג״, ״בִּיסְט נִישְׁט גוּט״, אָדֶער: ״שִׁיקְצֶע״, ״פְּרִיצְקֶע״; דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן נָאךְ קַיין אֵיינֶעם נִישְׁט בֶּעסֶער גֶעמַאכְט, נוּצְט דִי אַנְדֶערֶע וֶועג, נוּצְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג, פוּן זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטֶע תַּלְמִידָה: ״בִּיסְט אַזוֹי אֵיידְל״, ״בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל״, ״בִּיסְט טֵייעֶר״, ״בִּיסְט לִיכְטִיג״; דִי וֶוערְטֶער הֶעלְפְן, דִי וֶוערְטֶער טוֹישְׁן מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת מִיט אַ קוּרְצֶע סְקוּירְט, מִיט לַאנְגֶע הָאר - אַ גוּט וָוארְט, אַז זֵיי זֶענֶען אֵיידְל; נָאר דִי וֶועג הֶעלְפְט.

...

**די נִסִּים הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען, וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ט' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים; אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִין דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. קֶענְסְט אַוַדַאי די מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט מִיטְן סוֹחֵר וָואס הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן פַארְקוֹיפְן עֶרְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן לֵיים, אוּן אַמָאל בַּיים גְרָאבְּן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין די גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, נָאר אִין לָאנְדָאן אִינֶעם עִיר הַמְּלוּכָה - וֶועט מֶען קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן פוּן אִים דֶער שְׁטֵיין.

עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם יַם, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט הָאט עֶר גֶעוִויזְן דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין פַארְן שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר הַאנְדְלְט מִיטְן קֶענִיג, דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. דֶער אִיד פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְן דֵיימַאנְט, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט בַּיים עֶסְן, דֶער מְשָׁרֵת רוֹימְט אָפּ דֶעם טִישׁ מִיטְן דֵיימַאנְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן וַוארְפְט אַלֶעס אַרַיין אִין וַואסֶער. דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן... עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זִינֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט וֶוען דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, וֶועט עֶר מִיךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, וָואס קֶען אִיךְ דָא טוּן?' הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילּוּ עֶר אִיז רַייךְ, אוּן עֶר הָאט נָאכְמַאלְץ בַּיי זִיךְ דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין.

דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ פִּינְקְט אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר; אֵיין טָאג זָאגְט אִים דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן: "אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל אִיךְ דִיךְ פַארְטְרוֹיעֶן מִיט אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אִיךְ

הָאבּ דָא אִינֶעם שִׁיף אַסַאךְ סְחוֹרָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין לָאנְדָאן, וַוייל מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ גַּנֶב'עֶ דָאס, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען און מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁפֶּעטֶער פַארְרֶעכֶענֶען".

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן; נָאכְן אָנְקוּמֶען קַיין לָאנְדָאן הָאט דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע, און דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַלֶע פַארְמֶעגְנְס וָואס עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם אִיד'ס, וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן; דִי סְחוֹרָה פוּנֶעם שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט פַארְן אִיד וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען; און וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי רַייךְ? נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

בַּיי דִיר וֶועט מֶען אוֹיסְפִירְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֶועט זָאגְן מִיט דַיין מַעֲשֶׂה, דָאס הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דַיינְ'ס, און דִי נִיסִים הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז עֶנְק אַז עֶנְק גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק אַזוֹיפִיל צַייט, טָאג נָאךְ טָאג - אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן חִיזוּק; וָואלְטְן עֶנְק גֶעוְוּיסְט וִויפִיל אִידְן לֶעבְּן אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וִויפִיל שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן צוּלִיבּ דִי בְּרִיוו... עֶנְק קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, עֶס מַאכְט זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס מַאכְט זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְקְט עֶנְק מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְתַּרְגֵּם זַיין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אויף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, און אויף אויסְשְׁטֶעלְן די קוּנְטְרֵסִים און אויפְן מַאכְן די גִלְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', און אַז נָאכְן אַרְבֶּעטְן, נָאכְן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן אַלֶע בְּרִיוּו אויף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ - הָאבְּן עֶנְק פַארְלוירְן די פֵייל, און מֶען הָאט גֶעדַארְפְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְטַייטְשְׁן - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶנְק טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי אֵלִיָהוּ חַיִים רוֹזֶן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן הַצַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אָן גְרִינְג - אִיז מֶען חוֹשֵׁשׁ 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט, די סִטְרָא אַחֲרָא', וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מֶער נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועק גֵיין בַּיינַאכְט צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, מַאךְ נִישְׁט דִי זַאכְן; בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, לֶעבּ מִיט דַיין וַוייבּ; אַז מֶען מַאכְט צַעַר פַאר דִי וַוייבּ - בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת און שְׁטוּתִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן.

...

## נִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין פוּן דִי מִנְהָגִים, לֵייג נָאר צוּ חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִנְהָגֵי בְּרֶסְלֶב, מִנְהָגֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - אִיז נָאר דִי אֵיין זַאךְ, וִויסְן אַז מֶען וֶועט אֵיין טָאג דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט; וֶוען דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן וֶועט קוּמֶען אוּן צוּנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה - וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר אַז מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט יֶעדְן טָאג מִיט גוּטֶע זַאכְן, מֶען הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן גֶעטוּן פַאר אַנְדֶערֶע - דָאס וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ.

מַאךְ וִוי אַזוֹי עֶנְק הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט בִּיז אַהֶער, זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶּה פוּן דִי מִנְהָגִים בִּיז אַהֶער, לֵייג נָאר צוּ חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִנְהָגִים בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ טוּן בַּיים אָפְּשֶׁערְן, בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער פֵּיאוֹת, אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ אָפְּהִיטְן דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט זֶען קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּכְלָל אוּן בִּפְרָט אִין דִי טָאג וָואס מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן דֶעם פָּסוּק וָואס יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט (יְשַׁעְיָה נ, ד-ה): "ה׳ אֱלֹקִים נָתַן לִי לְשׁוֹן לִמּוּדִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלָארֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אִידִישֶׁע

קִינְדֶער, "לָדַעַת לָעוּת אֶת יָעֵף דָּבָר", צוּ ווִיסְן דִי פַּאסִיגֶע צַייט וֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי דוּרְשְׁטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "יָעִיר בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועקְט מִיךְ אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין נְבוּאָה זָאגְן, "יָעִיר לִי אֹזֶן", עֶר וֶועקְט אוֹיף מַיין אוֹיעֶר, "לִשְׁמֹעַ כַּלִּמּוּדִים", צוּ הֶערְן דִי נְבוּאָה. "ה' אֱלֹקִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "פָּתַח לִי אֹזֶן", הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיעֶר צוּ הֶערְן זַיינֶע רֵייד, "וְאָנֹכִי לֹא מָרִיתִי", אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט, "אָחוֹר לֹא נְסוּגֹתִי", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעקֶערְט פוּן צוּ גֵיין אִין זַיין וֶועג (מִגְדַּל עוֹז לְהַיַּעְבֵּ"ץ).

אוֹיךְ זֶענֶען דָא וָואס שְׁרַייבְּן דִי פְּסוּקִים אוֹיף אַ קִיכְל אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס דֶעם קִינְד צוּ עֶסְן (סֵפֶר מִשְׁפָּט צֶדֶק).

אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען שֵׁיין אוּן טֵייעֶר, דֶער עִיקָר אִיז דִי שִׂמְחָה; מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶס אִיז אִים בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶס אִיז אִים עֶרְגֶער פוּן אַלְס בָּחוּר, עֶר קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָפְּגֶעשֵׁיידְט, עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים וָואס מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, עֶר וֵויינְט צוּ מִיר, עֶר בֶּעט מִיר הִילְף; אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵייס אִים נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צוּ מַאכְן עֶנְקֶער שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נָאר בִּזְיוֹנוֹת אוּן אִיךְ לַייד נָאכְאַלְץ פוּן דֶעם; אִיז כָּאטְשִׁיג זָאל אִיךְ זֶען נַחַת, ווִי אִיר לֶעבְּט כְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס ווִילְן, עֶר אִיז מְקַיֵּים וָואס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ו, ה): ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ״, עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אַוֶועק פוּן זִיךְ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וֶוערְן פַארְשְׁווִינְדְן מִיט אַבִּיסְל אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אֱמוּנָה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע רְפוּאָה - סַיי פַאְרן גוּף אוּן זִיכֶער פַאְרן נֶפֶשׁ, אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, אַלֶעס - וֶוערְט פַארְשְׁווִינְדְן מִיט אַבִּיסְל אֱמוּנָה.

חַזֵר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע אָרְט, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין׳; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ אָנְצוּגֵיין אִין יֶעדֶע מַצָּב.

הַאלְט טֵייעֶר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זִי הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין ׳בֵּית פֵיגָא׳, זִי אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר, זֵייעֶר וואוּיל; זָאלְסְטוּ אִיר נָאר אוּיפְבּוּיעֶן אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

...

## דֶער נֵייעֶר גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז אוּיסְנַאם שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, דֶער נֵייעֶר גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ וָואס דַיין וַוייבּ מַאכְט - אִיז אוּיסְנַאם שֵׁיין, דִי מְפִיצִים זָאגְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דָאס גֶעבְּט זֵיי אַסַאךְ חִיזוּק אוּן עֶס וַוייזְט זֵיי דִי וֶועג אִין לֶעבְּן.

גֶעב אִיבֶּער פַּאר דַיין וַוייבּ דִי גוּטֶע גְרִיסְן אוּן זַייט עֶנְק מְחַזֵק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל דָאס אִיז אַ הֲכָנָה פַּאר דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה; הַדְפָּסַת וַהֲפָּצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ - דָאס גְרֵייט אָן מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען.

זַיי מְחַזֵק דִי אִינְגֶעלַייט אִין לֶעיקְוָואד אַלֶע זָאלְן פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֶנְגְלִישֶׁע גִלְיוֹן, אוֹיךְ דִי קוּנְטְרֵסִים אִין עֶנְגְלִישׁ.

...

### אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַּארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַּארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶעלְפְן אַז דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה - זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען אָנְגֵיין.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה - זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּב, אוּן צוּ גֶעבְן דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז זִי אִיז חָשׁוּב; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, נָאר מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין.

...

### וִוי מֶער מֶען זָאגְט "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְן, אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ תַּלְמִיד חָכָם; עֶר זִיצְט טֶעג אוּן נֶעכְט אוּן לֶערְנְט תּוֹרָה, אִיר דַארְפְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דֶעם.

אוֹיף פַּאר אַייעֶר לִיכְטִיג קִינְד; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען אַ קִינְד, דַארְפְט אִיר נָאר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוֶועְן אוּן דִי מֹחַ; וִוי מֶער מֶען זָאגְט "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", וִוי מֶער מֶען זָאגְט אוּן מֶען זִינְגְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם" - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען רוּאִיג, אוּן דִי נֶערְוֶוען וֶוערְט שְׁטַארְק, מֶען קֶען אַסַאךְ דֶערְהֵייבְּן אוּן פַּארְנֶעמֶען.

...

## גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אָדֶער אַ טִיכְל מִיט אֵייגֶענֶע הָאר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְּרַאגֶע וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ, אַ טִיכְל מִיט הָאר אָדֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל? עֶס אִיז זִיכֶער עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ אָפְּשֶׁערְן אוּן גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט כַּמָּה פְּעָמִים פַּאר דִי וָואס פְּרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ אַ טִיכְל מִיט דִי הָאר אָדֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט מִיט אַזֶעלְכֶע בְּרָכוֹת אוּן הַבְטָחוֹת פַּאר דִי פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר; מוֹהֲרָא"שׁ חַזֶר'ט דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא

יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גוֹרֵם אַז אירע קִינְדֶער וועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און די נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין איר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פְרוֹי וָואס איר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, עֶר גֶעדֶענְקְט די בְּכִיּוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וֵויינֶען און זִיךְ בֶּעטְן בַּיים 'כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה', עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְדְרֵייעֶן זַיין קָאפּ צוּם וַוייבֶער שׁוּל און זִיךְ בֶּעטְן צוּ די פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף צְנִיעוּת, און אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן די הָאר, "אַזוֹיפִיל צָרוֹת און יְסוּרִים וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ די הָאר" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן, אַ שָׁאד מֶען וויל נִישְׁט נָאכְגֶעבְן די הָאר, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַסאךְ אַיינְשְׁפָּארְן.

הֶערְט נִישְׁט אוֹיס די וָואס זָאגְן עֶנְדֶערְשׁ גֵיין מִיט די אֵייגֶענֶע הָאר און מִיט אַ טִיכְל ווי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, די צַדִּיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל און זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, ווי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ און גֵיין מִיט די אֵייגֶענֶע הָאר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, שַׁבָּת זָכוֹר, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ וויל זִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן עֶנְק, בִּפְרַט מִיט די תַּלְמִידִים; סֵיי די בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, און מִיט די תַּלְמִידִים פוּן חֵדֶר; אִיךְ בַּאקוּם גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף די בָּחוּרִים און אוֹיף די קִינְדֶער, אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס נַחַת.

אִיךְ ווִיל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט דֶעם לֵיל שִׁישִׁי, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דִי וָואךְ זֶענֶען מִיר זוֹכֶה, מִיר זֶענֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, ד): "אָמְרוּ יִשְׂרָאֵל", אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֵין אָנוּ יְכוֹלִין בּוֹ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ זָאגְסְט אוּנְז מִיר זָאלְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, מִיר קֶענֶען נִישְׁט, "אוֹמֵר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, תִּהְיוּ אַתֶּם מַזְכִּירִין שְׁמוֹ מִלְּמַטָּה, וַאֲנִי מוֹחֵק שְׁמוֹ מִלְמַעְלָה", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶנְק זָאלְן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין טוּן דָאס אִיבְּרִיגֶע, אִיךְ וֶועל אִים אוֹיסְמֶעקְן.

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, וֶוען מִיר זֶעעֶן ווִי שְׁטַארְק דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן מֶען שְׁרֵייט: "אֵין אָנוּ יְכוֹלִין בּוֹ", בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶעם עֲמָלֵק; דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "תִּהְיוּ אַתֶּם מַזְכִּירִין שְׁמוֹ מִלְּמַטָּה", דוּ בֶּעט אוּן בֶּעט, דוּ שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי, "וַאֲנִי מוֹחֵק שְׁמוֹ מִלְמַעְלָה", אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים, מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז עֶס קוּמְט אַ הֵיילִיגֶע טָאג, דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, מֶען זֶעט עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן טוּט זִיךְ פּוּרִים, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אַ גַאנְץ יָאר טַאנְצְן זֵיי נִישְׁט אוּן זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים - טַאנְצְן אַלֶע; אַלֶע שְׁמֵייכְלֶען, אַלֶע זִינְגֶען, אַלֶע רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, אַלֶעס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן מִיט טַאנְצְן אוּן מִיט שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן יֶעדֶער זָאל פּוֹעֵל'ן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף; מִיט שִׂמְחָה, מִיט פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן - קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ, רֶעד שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן אֵיידְל. אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת זָאלְט אִיר דָאס מֶערְסְטֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, קְדוּשַׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען דִינֶען

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי וִוילְדֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ, זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט; דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

נָאךְ אֵיין זַאךְ, הָאטְס עֶנְק לִיבּ, זוּכְט לִיבְּשַׁאפְט, גֵייט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד' (אֶסְתֵּר ז, ד), הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָמָן וִויל מִיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם, וֶוען אִיךְ אַלֵיין בִּין נָאךְ אַזוֹי וַוייט! הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט דָא זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין דָא אַ גַאסְט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען מִיךְ אַוֶועק לֵייגְן אִין אַ וִוינְקֶל אִין פֶעלְד אוּן עֶס וֶועלְן וַואקְסְן גְרָאז אוֹיף מִיר, אִיז וָואס בִּין אִיךְ פַּארְנוּמֶען מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם?" אַזוֹי זָאלְט אִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.

...

אִינְמִיטְן טָאג זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִינְמִיטְן טָאג זָאלְסְטוּ אַהֵיים רוּפְן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דַיין וַוייבּ מַאכְט אוּן וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן; עֶס מֵיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ פַּאר דִי וַוייבּ וֶוען דֶער מַאן רוּפְט אַהֵיים אוּן אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן מִיט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, ווייל נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל

זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י"ח אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ׳ס דְּרָכִים. פְּרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, יֶעדֶע "פַארְוָואס?" אִיז אַ קְלִיפָּה. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "לָמָּה" פַארְוָואס? "יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" - זָאגְט אַ גוֹי; אַ גוֹי פְּרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד פְּרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט, 'אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ'", ווארויל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר׳ט שְׁטֶענְדִיג: "שֶׁכָּכָה לּוֹ".

דָאס וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ׳ס דְּרָכִים - דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין דֶעם שַׁבָּת - פַּרְשַׁת פָּרָה - אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת פַּאר מַיין זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ח אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָה אָשִׁיב לַה׳, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת פַּאר מַיין זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשׁוֹירְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן נָאכְדֶעם גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א׳ ב׳, אִיךְ הָאבּ אַרוּמְגֶענוּמֶען מַיין זוּן מִיטְן טַלִית כְּמִנְהַג יִשְׂרָאֵל; אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, נִישְׁט זֶען קַיין גוֹיִם.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעזֶעצְן מִיט דִי גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס פִירְן אוּנְזֶער בֵּית הַתַּבְשִׁיל אִין שְׁטֶעטְל, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע חֲלוּקָה אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח; סַיי מִיטְן טֵיילְן עֶסְן אוּן סַיי מִיטְן אוֹיסְטֵיילְן קַארְטְלֶעךְ צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי אִין שְׁטֶעטְל, עֶס זָאל זַיין שֶׁפַע פַּאר אַלֶעמֶען.

דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר וֶועט הַיינְט זַיין אִין שְׁטֶעטְל, אִינְאֵיינֶעם מִיט הַתְחָלַת כְּתִיבַת סֵפֶר תּוֹרָה לִזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַּאר דִי קְהִילָה, יֶעצְט שְׁרַייבְּט מֶען אַ קְלֶענֶערֶע סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מִיט טְרָאגְן אַלֶע יָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוֹיךְ וֶועט מֶען קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר אִין אַלֶע שׁוּל׳ן; מָאנְרָא, מָאנְסִי, לֶעיקְוָואד, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן בָּארָא פַּארְק; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן בַּיי אַלֶע שְׁטִיבֶּער וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט - זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ; רֶעד

צוּ אִיר שַׁיין, פִיר זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, פִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַ שֵׁגֶץ וָואס שְׁרֵייט אוּן זִידְלְט; אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער אוֹיף וֵויי צוּ טוּן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ח אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען בָּחוּרִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט אוּן דוּ פַּארְשֶׁעמְסְט בָּחוּרִים; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּ דִיר גֶערֶעדְט אַסַאךְ מָאל דֶערְוֶועגְן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין פַּארְשִׁיקְט פוּן יְשִׁיבָה פַארְיָאר פַארְן מְבַזֶה זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים.

יֶעצְט וִויל אִיךְ דִיר גֶעבְּן צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער טוּישְׁסְטוּ דַיין וֶועג; דוּ הֶערְסְט אוֹיף וֵויי טוּן בָּחוּרִים, אָדֶער גֵייסְטוּ אַוֶועק פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה.

גֶעדֶענְק, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָוארֶענְט.

...

## אַז מֶען פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם כֹּהֵן, פוּן צַדִיק, וֶוערְט מֶען רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שַׁבָּת פָּרָה, י״ט אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הַ׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דִי וָואךְ שַׁבָּת רֵיינִיגְן מִיר זִיךְ, אַלְס אַ הֲכָנָה אוֹיפְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; וִוי אַזוֹי רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ פוּן טֻמְאַת מֵת? דוּרְךְ דֶעם כֹּהֵן, דוּרְכְן צַדִיק; אַז מֶען פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם כֹּהֵן, פוּן צַדִיק - וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן טֻמְאַת מֵת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמב) אַז טֻמְאַת מֵת אִיז שְׁלֶעכְטֶע

מַחֲשָׁבוֹת, מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוּן נָאר דֶער כֹּהֵן קֶען רֵיינִיגְן פוּן דֶעם.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, גֶעדֶענְקְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וָואס אִיז חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען מֶען זִיךְ פַארְרוּפְן פוּן רֶבִּינְ'ס לַייט, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט מִיטְן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעפָארְן מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז אִים מְקַנֵּא, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן? יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ בִּיסְט נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז דֶער רֶבִּי מִיט דִיר".

בַּיי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ טוֹעֶה זַיין, מֶען זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין נִישְׁט וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען אִיז מְשַׁנֶּה פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אוֹיף נִישְׁטִיגֶע זַאכְן; זָאלְט אִיר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט צוּ פַארְמִינֶערְן פוּן שֵׁיינֶע מִנְהָגִים אוּן דִי וֶועג וִוי מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי עֶלְטֶערְן, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז נָאר אַרַיינְבְּלָאזְן חַיּוּת צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק - גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיטְן לֶערְנֶען עֶנְקֶערֶע שִׁיעוּרִים בְּכָל

הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין דִי פַארְנוּמֶענֶע עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי חָמֵץ אוּן אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, פִירְט אַייךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ. אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ - אִיז מֶען אַ שֵׁיגֶץ; אֲפִילוּ מֶען גֵייט מִיט אַ יְרוּשָׁלַיִם'עֶר קַאפְּטְן, אִיז מֶען אַ שֵׁיגֶץ מִיט אַ קַאפְּטְן; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען מוּז זִיךְ פִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן טְשֶׁעפֶּען.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...